# לודמיר

הכנסת אורחים לודמיר

סוכות
תשפ"ו
גליון 18

אן אייביגע קשר צום צדיק

געקליבענע עובדות און געדאנקען ממשנתו פון דעם הייליגן צדיק
**רבי שלמה קארלינער זי"ע**

## דער קארלינער פלאם

די לעבנסגעשיכטע און נקודות פון הייליגן צדיק
**רבי שלמה קארלינער זי"ע // חלק י"ח**

גאנצע ניין יאר איז אריבער פון ווען דער הייליגער צדיק רבי מענדל וויטעפסקער זי"ע האט עולה געווען קיין ארץ ישראל און זיך באזעצט אין איר.

דער צדיק רבי מענדל'ע האט געוואוינט אין רייסין, די אומגעגענט פון רייסין איז געווען זיין טעריטאריע, ער האט עס באקומען פון זיין הייליגער רבי'ן דער הייליגער מגיד פון מעזריטש זי"ע.

ווען ער האט פארלאזט דאס לאנד האבן אלע האבן געווארט צוזען וועמען דער רבי וועט באשטימען אלץ זיין ממשיך דרכו אין די געגענט.

אויפ'ן טיש איז געלעגן צוויי מעגליכקייטן. איין מעגליכקייט איז געווען אז מען זאל באשטימען רביה"ק אלץ זיין ממשיך אין די געגענט, א צווייטער אויסוועג איז געווען אז דער צדיק זאל באשטימען דער הייליגער בעל התניא אלץ זיין ממשיך אין די געגענט.

א לאנגער צייט האט מען געווארט און געווארט אז דער צדיק זאל מכריע זיין וועמען ער באשטימט אלץ רבי.

נאך ניין יאר האט ער מכריע געווען אז דער הייליגער בעל התניא זי"ע זאל ממשיך זיין אויף זיין ארט און ווייטער פירן מיט די חסידישע הנהגה אין יענער געגענט.

אין יענער צייט האט זיך רביה"ק אריבערגעצויגן קיין לודמיר און זיך באזעצט אין איר.

פון יענער טאג און ווייטער האט זיך אנגעהויבן די גאלדענע זיבן יארן ווען רביה"ק האט איבערגעפלאנצט זיין הייליגער חצר אין לודמיר.

מיט אסאך פרטים איז לודמיר געווען אנדערש ווי רייסין. אויסערדעם וואס עס איז געווען אן אנדערע געגענט זענען אויך די סארט מענטשן געווען אנדערש. אין די וועלט האט מען געוואוסט אז אין די צייט וואס די אידן אין רייסין זענען געווען גרעסערע תלמידי חכמים זענען די וואהלינער אידן געווען פשוטי עם, פשוטע אידן, וועלכע האבן געדינט דעם רבוש"ע מיט אמונה פשוטה און האבן אויך געגלייבט אין דער צדיק באמונה פשוטה.

אין ספר 'ישועות ישראל' וואו ער ברענגט אראפ מימרות פון דעם הייליגן ריזשינער צייכענט ער צו אז דער ריזשינער זצוק"ל האט אמאל געזאגט פאר א איד די סיבה פארוואס רביה"ק האט זיך באזעצט אין לודמיר.

דער ריזשינער האט דערציילט אז א לאנגער צייט האבן די אידן פון לודמיר מפציר געווען רביה"ק ער זאל זיך קומען באזעצן אין לודמיר אבער רביה"ק האט מסרב געווען די בקשה.

איינמאל, נאך דעם וואס זיי האבן שטארק געמוטשעט דעם רבי'ן ער זאל זיך אריבערציען צו זיי אין שטאט, האט דער רבי געפרעגט די אידן פון לודמיר ווי אזוי פירט מען זיך ביי זיי אין דעם גרויסן און הייליגן טאג ל"ג בעומר.

די אידן האבן באלד געענטפערט מיט אן אויסטערלישע עקסטאז אז ל"ג בעומר גייען די יונגע בחורים און די קינדער ארויס אויפ'ן פעלד און שיסן פיילן.

"אויב אזוי, אויב מען שיסט ביי אייך פיילן - וויל איך קומען וואוינען ביי אייך אין שטאט".
האט זיך דער צדיק אנגערופן און האט זיך טאקע אין יענערצייט אריבערגעצויגן פון רייסין קיין לודמיר.

דער ריזשינער האט אויסגעפירט דערביי אז בשעתו האט עס אויסגעזען א פשוטע כוונה אבער שפעטער ווען עס האט פאסירט ווען דער גוי האט געשאסן רביה"ק זי"ע און ער איז פון דעם נסתלק געווארן האט מען פארשטאנען אויף צוריקצוועגס אז דערונטער פון זיינע ווערטער האט זיך באהאלטן א געהיימע כוונה פון דעם, אז ער האט נישט געמיינט מיט דעם אזוי פשוט, ווי עס האט זיך געהערט.

## צידה לדרך

### נעם אוועק דיין הענט – וועט דיר זיין ליכטיג / קורצע אמרות פון רביה"ק זי"ע

מערערע משלים און מעשה'ס איז דא פון רביה"ק ווי אזוי מען דארף זיך לערנען פון א קינד וועלכער ארבעט מיט תמימות.

אמאל ווען רביה"ק זי"ע האט גערעדט דערוועגן איבער די כח פון קינדער האט ער זיך אנגערופן אז עס מאכט זיך ביי קינדער אז זיי שפילן זיך און לייגן ארויף די הענט אויף די אויגן און באדעקן די אויגן.

ווען דער אויג איז באדעקט שרייט דאס אז עס אים טונקל אין די אויגן.

וואס איז די עצה? ער זאל אוועקנעמען די אויגן און עס וועט אים ווערן ליכטיג.

די זעלבע דארף א איד אויך וויסן - ער דארף פשוט אוועקנעמען די הענט פון די אויגן און עס וועט אים ווערן ליכטיג אין די אויגן.

## מה זרעו בחיים

### די הייליגע שולשלת פון לודמיר

בס"ד הייבן מיר אן אין די גליון א פרישער מדור וועלכער וועט עוסק זיין אין די הייליגע קינדער פון רביה"ק זי"ע.

אין די אידישע וועלט איז רביה"ק באקאנט מיט'ן נאמען קארלין און דער איינדרוק וואס אסאך האבן איז אז די קינדער פון רביה"ק זי"ע האבן ממשיך געווען די קארלינער שולשלת אבער ווי עס איז שוין דערמאנט געווארן דא עטליכע מאל איז די המשכה טאקע געווען אין קארלין אבער אויך פון רביה"ק איז געווען א המשכה, די הייליגע קינדער ווי הרה"ק רבי ישראל חיים מלודמיר זי"ע, הרה"ק ר' משה און די איבריגע קינדער.

אין די קומענדיגע גליונות וועלן מיר דא איבערגיין די המשכה פון רביה"ק זי"ע און זיינע הייליגע קינדער.

דריי הייליגע און לעכטיגע זון האט רביה"ק איבערגעלאזט נאך זיך, די עלט'סטע איז געווען הרה"ק ר' משה מלודמיר זי"ע, די צווייטע איז געווען הרה"ק רבי בערקע זי"ע אן איידעם ביי הרה"ק ר' ברוכ'ל ממעזבוש זי"ע, דער דריטער איז געווען ר' שמואל דוד זי"ע.

אזוי אויך איז געווען צוויי איידימער הרה"ק רבי ישראל חיים מלודמיר זי"ע און דער איידעם הרה"ק רבי משה דוב זי"ע.

אין די קומענדיגע קאפיטלען וועלן מיר שילדערן מער איבער זיי און איבער זייערע קינדער און אייניקלעך זי"ע.





צדיקים פון די פריערדיגע דורות האבן מעיד געווען:
אז רבי שלמה בן יוטא קען מבטל זיין אלע גזירות קשות ורעות

דארפט איר א ישועה?
ווילט איר שפירן ווי איר שטייט בצילו פון א צדיק אמת כמו בחיים חיותו?

קומט קיין לודמיר צום ציון
פון קודש הקדשים
רבי שלמה קארלינער זי"ע

בזכותיה דרבי שלמה בן יוטא ענני

פאר פרטים פון דעם הכנסת אורחים אין לודמיר
רופט: 518.592.0087

על הציון
של הקדוש הזה,
הוא ממש כמו שעומדים
לפניו בחיים חיותו.
(רבי אשר מסטאלין)

# א בייטש קלאפ וועלכע האט מבטל געווען די שלעכטע גזירה

מיט דערהויבענע און גליקליכע געפילן איז דער הייליגער צדיק הרה"ק רבי אורי מסטרעליסק זי"ע פארלאזט די דארף יענער ערב סוכות.
פאר עטליכע חדשים אין איין ציה וואלגערט ער זיך שוין ארום אין גלות און דינט אלץ מלמד אין א קליינער דארף לערנענדיג מיט נשמות, אבער יעצט איז ער ענדליך זוכה געווען אהיימצוגיין צו זיין שטוב.
די שמחה איז כפול ומכופל. אויסער וואס ער פרייט זיך אז ער גייט שוין אהיים איז ער אויך בשמחה אז נאך די שווערע הארוואניע וואס ער האט אריינגעלייגט אין די טייערע קינדער האט ער אפגעשפארט א שיינע סומע געלט צוקענען איינקויפן שיינע און מהודר'דיגע ד' מינים לכבוד דער יום טוב סוכות.
יאר יערליך וועט ער זיך נוהג זיין צוקויפן שיינע מהודר'דיגע ד' מינים וועלענדיג מהדר זיין יום טוב מיט די שענסטע ד' מינים צוקענען מכבד זיין השי"ת ווי עס פאסט זיך.
גייט זיך דער צדיק אין זיין וועג, זיינע הייליגע מחשבות שוועבן אהין און אהער, ער טראכט פון די הייליגע מינים.
א לאנגער וועג האט ער פאר זיך, קיין געלט פאר א וואגן האט ער נישט, ער שלעפט זיך צופוס, נאכ'ן אפגיין עטליכע שעה צופאלט די נאכט, דער גיין ביינאכט איז געבינדן מיט סכנות נפשות, ער שטעלט זיך אפ ביי א אידישע קרעטשמע און קלאפט אן אויף איר.
דער איד עפענט דעם טיר און פארבעט אים אינעווייניג. דער צדיק זוכט זיך אויס א ווינקל זיך צוקענען אויסרוען פון די וועג ווען מיטאמאל באמערקט ער ווי א איד שטייט אין די זייט און יאמערט ביטערליך.
"מיין פערד, מיין איינציגסטע פרנסה קוואל".
נאכ'ן דערגיין די ערקלערונג פון די געווין ווערט דער רבי'ן געוואויר וואס ברענגט אים די געווין, דער איד איז א בעל עגלה און זיין פערד איז אים אפגעשטארבן, ער האט פארלוירן זיין איינציגסטע פרנסה קוואל.
דאס הארץ פון ר' אורי איז געווארן מלא רחמים אויף דעם ארעמאן, דער בעל העגלה.
הערנדיג זיין כליפעריי האט ער זיך אינטערעסירט ביי דער בעל הקרעטשמע וויפיל קאסט א נייער פערד.
"איך האב ביי מיר אין שטאל א געזונטער און א שטארקער פערד, איך בין גרייט עס צו פארקויפן פאר די סומע פון 50 רובל".
ווען ר' אורי האט דאס געהערט האט ער אויפ'ן ארט ארויסגענומען פון טאש די סומע און עס געגעבן פאר'ן בעל האכסניא.
ווען דער בעל העגלה האט באקומען די מתנה האט ער אויפגעלאכטן, ער האט שוין א נייער פערד.
גליקליך און צופרידן האט ער פארלאזט די קרעטשמע.


א פארצייטישער בילד פון די וואהלינער געגענט

מיט ליידיגע הענט האט דער צדיק נישט געוואלט אהיימפארן, האט ער זיך מיישב געווען אז ער גייט פאר'ן קיין ליזענסק.
יענע סוכות אינדערפרי, אינדערצייט וואס אלע זענען געאנגען בענטשן אויף זייערע אתרוגים, האט אויך הרה"ק ר' אורי ארויסגענומען זיין פשוטע אתרוג.
ווי נאר ער האט ארויסגענומען זיין אתרוג איז דער הייליגער ר' אלימלך געקומען צולויפן צו אים.
"דער אתרוג האט א שמעק פון גן עדן".
האט דער צדיק זיך אנגערופן.
נאכ'ן הערן די געשעעניש האט ר' אלימלך אים דערציילט די צווייטע האלבע מעשה.
"וויסן זאלסטו אז ווען דו האסט געגעבן פאר דעם איד די פערד איז ער געווארן אזוי בשמחה. ער איז געווען זיכער אז דו ביסט א מלאך פון הימל. מיט זיין בייטש האט ער געקנאקט די פערד דאנקענדיג השי"ת פאר די מתנה וואס ער האט באקומען".
יענער יאר איז געווען א שטארקע קטרוג אויפ'ן כלל ישראל, מיט זיין קלאפעריי אויף די בייטש איז געווארן אין הימל אזא שמחה אז מען האט מבטל געווען אלע גזירות.
"יעצט פארשטייסטו שוין פארוואס דיין אתרוג האט א ריח פון גן עדן - אין איר זכות האט הקבה"ה געהאט א נחת רוח פון כלל ישראל און מבטל געווען אלע גזירות רעות אויפ'ן כלל ישראל".
[אורחות אהרן]

## מהנעשה והנשמע אין לודמיר

נייעס'לעך און ידיעות
איבער די אנגייענדע מצב

# הונדערטע שותפים אין די הייליגע אונטערנעמונג פון מחזיר זיין עטרה ליושנה קיין לודמיר זענע זיך מזכיר ביי רביה"ק אין די הייליגע טעג פאר א גוט יאר

'הכנסת אורחים' לודמיר שיקט ארויס א ספעציעלער שליח מיט די קוויטלעך צום ציון הק' אין לודמיר
א ספעציעלער אונטערנעמונג איז די וואכן ארויס דורך די הכנסת אורחים דלודמיר אין גרייטונג צו די הייליגע טעג, א צייט ווען כלל ישראל בעט פאר א גוט יאר, א לעכטיגער יאר, פול מיט שפע.
א ספעציעלער שליח מיט די נעמען פון אלע תורמים וועלכע זענען תורם אגאנץ יאר פאר דאס ארט איז ארויסגעשיקט געווארן קיין לודמיר צום ציון הק' פון מרן רביה"ק זי"ע.
אין די לעצטערע יארן האבן די חשובע עסקנים מיט די הילף פון די תומכים געלייסטעט אסאך פאר דעם מקום קדוש אריינברענגעדיג א געשמאקקייט און א ליכטיגקייט אין דעם ארט.
ווי די שלוחי המוסד געבן איבער האט מען געשריבן א כללות'דיגער קוויטל און עס אראפגעלייגט אויפ'ן ציון הק'.
מיט א פעסטע אמונה אז רביה"ק זי"ע וועט זיכער משפיע זיין פאר די אידן און אז זיי וועלן פועל'ן אלעס האבן זיך די שלוחי דרחמנא אומגעקערט פון דארט.